NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04784

HAYIM NAHMAN BIALIK

Solomon Simon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים נחמן ביאַליק

פון

שלמה סיימאָן

באַארבעט פון

מ. חסיד

שער־בלאַט און אילוסטראַציעס

פון יחיאל שיינבלום

פאַרלאַג: יידישע שול

מאָנטרעאל, תשל״ג

CHAIM NACHMAN BIALIK

by SOLOMON SIMON

EDITED BY

M. HUSID

ILLUSTRATIONS BY

YECHIEL SHAINBLUM

JEWISH SCHOOL PUBLISHING HOUSE
7950 Wavell Rd.
Cote St. Luc 268, Que.

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1973

פֿאַרלאַג ייִדישע שול
ביי די מאָנטרעאַלער
ייִדישע פֿאָלקס שולן און פּרץ שולן
געגרינדעט פֿון ירושה פֿאָנד
אין אָנדענק פֿון
נילאַ און אָטאָ ליבערמאַן ע״ה
(קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)

Jewish School Publishing House of the
JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
AND PERETZ SCHOOLS
Established by a Gift from the Estate of
NILA & OTTO LIEBERMAN
(Caracas, Venezuela)

חיים נחמן ביאַליק

אין אַ דאָרף אין רוסלאַנד האָט געוואוינט אַ ייד מיטן
נאָמען יוסף ביאַליק. דער ייד האָט געהאַט אַ קרעט-
שמע, אַ פלאַץ וואו מען פאַרקויפט ביר, שנאַפס [1] און צו-
בייסן [2]. יוסף ביאַליק האָט געאַרבעט זייער שווער. פון פרי-
מאָרגן ביז שפעט אין אָוונט איז ער געשטאַנען אויף די פיס
און באַדינט די געסט אין קרעטשמע — האָט ער ניט געהאַט
קיין צייט זיך אָפצוגעבן [3] מיט זיין זון חיים נחמן.



חיים נחמן איז געווען אַ קינד אַ שווייגער [4]. ער האָט מיט
קיינעם זיך ניט געחברט. זעלטן ווען האָט ער עפעס געבעטן
אָדער געפרעגט. ער האָט געהאַט אַ קינדערישע געוואוינ-
הייט [5] צו זייגן [6] דעם גראָבן פינגער. איז ער געזעסן אין אַ
ווינקעלע, די פיס אונטער זיך, דער גראָבער פינגער אין זיין

1 Liquor 2 A snack 3 Devote Oneself to
4 Reticent person 5 Habit 6 Suck

מויל און געקוקט אויף דער וואַנט. ווייל ער האָט געזויגן זיין גראָבן פינגער, האָבן די קינדער אים גערופן: „דער ייד מיט דער ליולקע 7".

אין הויז איז תמיד געווען אַ טומל. שיכורע 8 פויערים 9 האָבן געזונגען, פויערטעס האָבן געטאַנצט, אַזש די ווענט האָבן געציטערט. דאָס צימער איז כסדר פול געווען מיט רויך, געשטאַנק 10 פון ביר, גערוך 11 פון שנאַפּס. דער פאָטער איז גע-לאָפן פון איין טישל צום צווייטן-נאָר דער קליינער חיים נחמן האָט עס ניט געזען און ניט געהערט. ער האָט געקוקט אויפן רויך וואָס שלענגלט 12 זיך צו דער סטעליע 13 און גע-וואָלט פאַרשטיין ווי אַזוי ווערט פון פּאַפּיר און טאַבאַק בלויער רויך?

7 Pipe 8 Drunk 9 Peasants 10 Stench 11 Smell, stench
12 Wind, meander 13 Ceiling

שרעטעלעך 1

אַמאָל פלעג דאָס ייִנגעלע זיין אויפן הויף. דאָרט איז אים געווען גוט ווי די וועלט. אין הויף זיינען פאַראַן אַ סך וואונ-דער. יעדער שטיין, יעדער שטיקל האָלץ, יעדער גרעזעלע, פייגעלע, זיינען פאַר אים אַ וואונדער.

פאַרוואָס איז אַ שטיין האַרט-און זאַמד איז ווייך? ווער מאַכט איין זייט פון הויז שאָטנדיק 2 און די צווייטע זייט זוניק?

אָט איז אַ פעלד. פון פעלד בלאָזט אַ ווינט. ווער יאָגט 3 דעם ווינט?

אַ פויגל טוט אַ צוויטשער, אַן אַנדער פויגל ענטפערט. וואָס רעדן זיי צווישן זיך?

די זון זעצט 4 זיך. ווער שאַרט 5 אַזוי פיל פייער אויפן הימל?

1 Elves 2 Shady 3 Chases 4 (Sun) sets

עס איז שפעט. אין קרעטשמע איז שטיל. אַ טונקלער לאָמפ באַלויכט די צימערן. דער קליינער חיים נחמן קוקט אויף דער וואַנט. עס וויגט זיך אַ שאָטן אויף דער וואַנט. טוט נחמן אַ דריי דעם קאָפ-טוט אויך דער שאָטן אַ דריי דעם קאָפ. הייבט חיים נחמן אויף די האַנט-טוט אויך דער שאָטן אַ הויב אויף אַ האַנט, אַ לאַנגע האַנט, וואָס דערגרייכט ביז צו דער סטעליע. אַ שיינע שפיל. חיים נחמן הייבט אַזש אָן טאַנצן און דרייען זיך. ער הייבט אויף די האַנט, דרייט מיטן קאָפ, שטעלט אַרויס אַ צונג . . .

דער טאַטע קומט אַריין:

— אוי וויי, זע נאָר זע, דאָס ייִנגל איז משוגע געוואָרן, ער רעדט צו דער וואַנט!

די מוטער לויפט אַריין אַ דערשראָקענע און נעמט דעם קליינעם חיים נחמנען און לייגט אים אַוועק שלאָפן.

ליגט ער, נאָר ער שלאָפט ניט. ער קאָן ניט שלאָפן. אַלץ איז אַזוי מאָדנע6 אַרום אים. אין צימער איז פינצטער, אָבער

5 Rakes (together)   6 Strange

אונטערן בעט איז נאָך פינצטערער. פאַרוואָס? אַ פּאָר שיך שטייען ביים בעט, קוקן אויס ווי זיי ווילן ערגעץ גיין. וועלן זיי זיך לאָזן אַליין אין וועג אַריין? פון פענצטער שיינט אַריין אַ פּאַס [7] ליכטיקייט, צעשניידט די פינצטערניש אויף צווייען. פון וואַנען קומט די ליכטיקייט?

חיים נחמן פאַרמאַכט די אויגן און עפנט זיי-און ווידער זעט ער ליכטיקייט אין דער מיט פון פינצטערניש. פון וואַנען נעמט זיך עס? ער מוז דאָס אויסגעפינען. ער שרעקט זיך אַראָפּצוגיין פון בעט, נאָר דער ווילן צו וויסן פון וואַנען עס קומט די ליכטיקייט איז אַזוי גרויס אַז ער גייט אַראָפּ פון בעט און קוקט אַרויס אין דרויסן.



ער דערזעט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַ לבנה שיין. ער איז דאַמאָלט אַלט געווען בלויז אַרום דריי יאָר. דערשרעקט ער זיך. עס איז עפּעס אַנדערש ווי בייטאָג. דער וואַלד איז טונקל, דאָס פעלד איז העל[8]-ווייס. דאָס בערגל, וואָס

7 Streak (of light) 8 Bright



שטייט אָפּגערוקט פון וואַלד, קוקט אויס העכער. אַ פויגל שרייט ערגעץ-וואו. דער דאַך פון שטאַל [9] גלאַנצט מאָדנע.

באַלד דערזעט ער נאָך עפּעס וואָס פאַרכאַפּט אים זייער. ער פאַרגעסט זיין שרעק. פון וואַלד באַווייזט זיך אַ מחנה שרעטעלעך; קורצינקע, ברעקעלעך [10], מיט לאַנגע בערד. זיי טראָגן רידלען [11] אויף די אַקסלען. זיי האָבן שוואַרצע און געלע מיצלעך [12] אויף די קעפּלעך. איינער אין אַ שוואַרץ מיצל און איינער אין אַ געל מיצל.

זיי גייען די שרעטעלעך. זיי גייען זיבן אין אַ ריי, זיבן אין אַ ריי. אָט קומען זיי ביז צום באַרג און צעשפּרייטן זיך. זיי הייבן אָן גראָבן, זוכן. זיי זוכן באַהאַלטענע אוצרות [13].

באַלד ווערט זיי מיאוס [14] צו גראָבן. זיי הייבן אָן זיך צו שפּילן, קוליען [15] זיך, שפּרינגען, טאַנצן, לאַכן הויך, ווינקען [16] צו דער לבנה, ווינקען צו אים, צום פענצטער.

דער קליינער חיים נחמן שרעקט זיך ניט פאַר זיי. ער

9 Stable 10 Tiny ones 11 Shovels 12 Caps
13 Treasures 14 They get tired of 15 Tumble 16 Wink to

גלויבט אַז דאָס זיינען זיינע חברים, וואָס גאָט האָט זיי געשיקט זיך צו שפּילן מיט אים. ער האָט נאָר מורא אַז זייער געשריי און לאַכן קענען אויפוועקן זיין טאַטן. אָבער דער טאַטע שלאָפט געשמאַק[17]. דאָס יינגל בלייבט לעבן פענצטער. מיטאַמאָל טוט דער האָן אַ קריי. די שרעטעלעך פאַרשווינדן[18]. חיים נחמן וויל שלאָפן. ער שפּאַרט[19] אָן דעם קאָפּ אויפן פענצטער און שלאָפט איין.

דער טאַטע געפינט אים שלאָפנדיק מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן פענצטער. ער קען ניט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ מאָדנע קינד דאָס איז.

אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען חיים נחמן איז שוין געוואָרן אַ גרויסער דיכטער[20], האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע מיטן נאָמען „גמדי-ליל“-נאַכט שרעטעלעך. מענטשן האָבן געלייענט די שיינע פאַנטאַזיע,קיינער האָט אָבער ניט געוואוסט אַז דאָס האָט ביאַליק דערציילט וואָס ער האָט געזען אין דער נאַכט ביים פענצטער, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערזען לבנה ליכט.

17 Is in deep sleep   18 Disappear   19 Leans   20 Poet

די וועלט פאַלט איין

חיים נחמנס טאַטע איז ניט געווען צופרידן מיט זיין אַר-
בעט אין שענק. ער איז אַרומגעגאַנגען, צווישן די טישלעך
מיט די שיכורע פויערים-און געזאָגט תהילים אין דער שטיל.
ער האָט ניט גוט באַדינטן[1] די קונדן[2], זיינען זיי מער ניט
געקומען, איז ער געוואָרן אָרעמער און אָרעמער. ביאַליקס
פאַמיליע האָט געדאַרפט פאַרלאָזן[3] דאָס דאָרף און אַריבער
אין אַ פאָרשטאָט[4] אין זשיטאָמיר.

דער קליינער חיים נחמן איז דעמאָלט אַלט געווען אַ
יאָר פיר. דאָס פאַרשלאָפענע[5] קליינע שטעטל האָט אויס-
געזען אין די אויגן ביים קינד ווי אַ גרויסע שטאָט — און עס
איז אים נישט געפעלן געוואָרן. צופיל טומל. ווערט ער נאָך
מער פאַרחלומט[6]. ער דאַרף נאָר פאַרמאַכן די אויגן און
גלייך זעט ער: אַ ליכטיקן פרימאָרגן, זון און בלויקייט פון
הימל. יעדער הויז מיט אַ גערטנדל[7], אַ ריח פון צייטיקע[8]
עפל, פאַרטיקער קאָרן. ווייט אַרום אַ וואַלד. אַ מיל מיט צעש-
פרייטע[9] פליגל. וועלדער און אַ ברעג[10] פון הימל, וואָס ווערט
רויט ווי פייער אַלע פאַרנאַכט.

פאַרוקט[11] זיך דאָס יינגעלע אין אַ ווינקל און חלומט
מיט פאַרמאַכטע אויגן. קומט דער טאַטע, זעט ער דאָס ייִנ-
געלע זיצט אין מיטן העלן טאָג מיט פאַרמאַכטע אויגן. ווייסט
ער ניט צי דאָס יינגל שלאָפט אָדער עס איז אַזוי פאַרטראַכט.
וואַרט ער צו אַ מינוט, זעט ער דאָס יינגל עפנט די אויגן און
קוקט שטאַר[12] אין דער וועלט אַריין. טוט דער טאַטע אַ זאָג:
— גולם!

1 Served 2 Customers 3 Leave 4 Suburb 5 Sleepy
6 Dreamy 7 Small garden 8 Ripe 9 Spread out
10 Edge 11 Secludes himself 12 Stare without blinking

שפּייט 13 אויס און גייט אַוועק.

רוקט זיך דאָס ייִנגל שטיל אַרויס און דרייט זיך איבער די צימערן. קומט ער אָן צו אַ צימער און דערזעט דאָרט אַ שפּיגל. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זעט ער אַ שפּיגל. דער שפּיגל הענגט קרומלעך 14 אויף דער וואַנט-און אַלץ וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אים איז אויך קרומלעך, האַלב איינגעבויגן 15.



שטייט דער קליינער חיים נחמן און קוקט און קוקט און קאָן זיך ניט אָפּוואונדערן 16. שטעלט ער זיך אַנטקעגן שפּיגל און וואַרט. זעט ער דאָרט נאָך אַזאַ ייִנגל ווי ער איז. טוט ער אַ דריי מיטן קאָפּ, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. נעמט דאָס ייִנגל אין שפּיגל און טוט אויך אַ דריי מיטן קאָפּ און אויך אַ מאַך מיט דער האַנט. טוט חיים נחמן אַ לאַך, טוט דאָס ייִנגל אין שפּיגל אויך אַ לאַך, אָבער אָן אַ כי-כי.

מאָדנע, טראַכט זיך חיים נחמן, מען דאַרף אויסגעפינען וואָס דאָ איז.

13 Spits 14 Aslant 15 Bent, curved 16 Stop wondering

קריכט חיים נחמן נעענטער[17] צו צום שפיגל און הייבט אים אָן צו באַטראַכטן פון אַלע זייטן. באַהאַלט זיך דאָרט עמיצער? ניין, קיינער איז ניטאָ הינטערן[18] שפיגל. ער גייט צו נאָך נעענטער, טוט אַ טאַפ[19] און כאַפט צוריק די האַנט. עס קאָן נאָך עפעס אַראָפפאַלן פון שפיגל און אים צעפלעטן[20] דעם מוח[21]. נאָר ניין, קיין זאַך האָט ניט פאַסירט[22]. טוט ער אַ שטופ דעם שפיגל. גאָרנישט. דער שפיגל איז צו שווער פאַר איין האַנט. דאָס יינגל ווערט דרייסטער[23]. גייט נאָענט צו צום שפיגל, טוט אים אַ שלעפ מיט ביידע הענט. דער שפיגל טוט זיך אַ רוק. דאָס קינד זעט ווי אַלץ הייבט אָן פאַלן. אָט וועלן אַלע זאַכן אַרויף אויף אים און אים שפאַלטן דעם קאָפ. ער טוט אַ געשריי און פאַרמאַכט די אויגן.

גאָרנישט איז געשען. דער שפיגל האָט זיך נאָר אָפגע-ריסן פון איין קרוק[24] און געבליבן הענגען אויף אַ צווייטן. די קאַץ האָט זיך דערווייל דערשראָקן און אַ שפרונג[25] געטאָן אויף דער קאָמאָד[25], אַראָפגעוואָרפן פון דאָרט און צעב-ראָכן אַ גלאָז. דער טאַטע האָט דערהערט דעם קינדס געש-ריי, דעם בריאַזג[27] פון גלאָז, איז ער אַריינגעלאָפן זען וואָס עס האָט געטראָפן[28].

עס האָט זיך אויסגעלאָזט[29] מיט קלעפ און מיטן זידל-וואָרט[30]: גולם!

17 Nearer 18 Behind 19 Touches 20 Bash
21 Head, brain 22 Happened 23 Become emboldened
24 Hook 25 Jump, leap 26 Dresser 27 Clatter
28 What happened 29 It ended with a beating
30 Abusive word

דער אַלף בית — אַ ראָטע [1] סאָלדאַטן מיט אַ פּייקלער [2]

חיים נחמן ביאַליק איז געווען פינף יאָר אַלט. מען האָט אים אָפּגעגעבן אין חדר [3]. אין חדר איז דעם יינגל ערגער [4] געווען ווי אין דער היים. אין דער היים איז געווען נאָר איין בייזער [5] טאַטע, אין חדר זיינען געווען פופצן יינגלעך, אַ רבי און אַ באַהעלפער [6]. דער רבי האָט געוואוסט נאָר איין זאַך: צו קנאַקן [7] מיטן קאַנטשיק [8], און דער באַהעלפער האָט געהאַט גאָר אַ פּאַסקודנע [9] טבע [10]. אַז עפּעס איז אים ניט געפעלן געוואָרן (און וואָס איז אים יאָ געפעלן געוואָרן?) האָט ער אַ שמיר [11] געטאָן מיט אַלע פינף פינגער איבערן תלמידס פנים. און די יינגלעך, מיינט איר, זיינען בעסער געווען? פון דעם ערשטן טאָג אָן אין חדר האָבן זיי אים גערופן "דער ייד מיט דער ליולקע" און „גולם".

אין גיכן האָבן זיי אים געגעבן נאָך אַ צונעמעניש: "באַראַבאַנשטשיק [12]".

דאָס האָט פּאַסירט דעם זעלבן טאָג אין חדר. דער באַהעלפער האָט אויסגעזעצט די יינגלעך אַרום דעם גרויסן טיש, געבראַכט אַ גרויסן א ל ף ב י ת און אָנגעהויבן לערנען די קינדער די אותיות. דער קליינער חיים נחמן האָט דערזען ווי די אותיות זיינען אויסגעשטעלט [13] און עס איז אים געפעלן [14] געוואָרן. ער האָט געזען דריי גלייכע שורות:

א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פּ פ ף צ ץ ק ר ש ת

א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פּ פ ף צ ץ ק ר ש ת

א ב ג ד ה ו ז ח ט י כ ך ל מ ם נ ן ס ע פּ פ ף צ ץ ק ר ש ת

1 Company 2 Drummer 3 Traditional elementary school
4 Worse 5 Angry 6 Assistant to the Rabbi in the "kheder"
7 Crack with 8 A whip 9 Nasty 10 Habit
11 A smack 12 Drummer 13 Arranged 14 He liked it

דער באַהעלפער האָט געלערנט די קינדער: זאָגט קינ־
דערלעך, א ל ף, ב י ת, ג י מ ל. די קינדער האָבן נאָכגע־
זאָגט נאָך דעם באַהעלפער, נאָר ער, דער קליינעד חיים
נחמן, האָט ניט געהערט וואָס דער באַהעלפער האָט געזאָגט
און געזונגען מיט די קינדער. אים האָט זיך געדאַכט אַז די
אותיות זיינען סאָלדאַטן. זיי שטייען דאָך אויסגעשטעלט אין
שורות פונקט ווי סאָלדאַטן. דער ערשטער, דער א ל ף, איז
דער באַראַבאַנשטשיק, די אַנדערע גייען אים נאָך.



האָט דער באַהעלפער דערזען אַז דער קליינער חיים
נחמן שאָקלט 15 זיך ווי די אַנדערע, אָבער ער זינגט ניט, האָט
ער אָפּגעשטעלט דאָס געזאַנג, אַ וויז געטאָן אויפן א ל ף
און אַ פרעג געטאָן חיים נחמנען:

— זאָג מיר נאָר, יינגעלע, וואָס איז דאָס?

— אַ באַראַבאַנשטשיק. האָט חיים נחמן גלייך געענט־
פערט.

אַלע קינדער האָבן אויסגעשאָסן 16 מיט אַ געלעכטער און

15 Rocks, shakes 16 Burst out, laughing

גענומען שרייען: באַראַבאַנשטשיק, באַראַבאַנשטשיק! דער באַהעלפער האָט אַ שמיר געטאָן חיים נחמנען איבערן פּנים מיט אַלע פינף פינגער. די נאָז איז ביים יינגל רויט געוואָרן, די אויגן פול מיט טרערן, ניט פאַר ווייטיק [17] נאָר פאַר פאַרד-ראָס [18], וואָס שוין דעם ערשטן טאָג אין חדר האָט ער געקראָגן אַ ניי צונעמעניש [19].

די קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן רייצן [20] מיט חיים נחמ-נען און ער איז געזעסן אין אַ ווינקל און געשוויגן. ער האָט זיך געטראַכט: איך וועל זיך גוט צוהערן צום באַהעלפערס לערנען און וועל גוט געדענקען אַלע נעמען פון די אותיות. מען וועט פון מיר מער ניט לאַכן. אָבער עס איז אים ניט גע-לונגען. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש לעבן א ל ף ב י ת, זיינען די אותיות פאַר זיינע אויגן געוואָרן מאָדנע מענטשן און זאַכן.



אָט איז אַ שין, ש, עס איז גאָר אַ פּיפּערנאָטער [21] מיט דריי קעפּ, אַ ווילדע חיה וואָס קען איינשלינגען דריי מענ-

18 Resentment 19 Nickname 20 Tease
21 Dragon, legendary monster

טשן מיט אַמאָל. דער למד, ל, קלאָר ווי דער טאָג, עס איז אַ שטאָרך[22] מיט אַ לאַנגן האַלדז, וואָס שטייט אין בלאָטע[23] אויף איין פוס. דער גימל, ג, אַ שטיוול אויסגעמאָלן. דער דלד, ד, איז אַ האַק, יעדער איינער קען עס זען-און דער יוד, י, פאַר אים ציטערט זייער חיים נחמנס האַרץ, נעבעך, אַזאַ קליינער, אַ קליין פייגעלע, שלעפט זיך נאָך, נאָך אַנ-דערע אותיות. עס קען, חלילה, צעטראָטן ווערן.



ווען מען האָט חיים נחמנען פאַרהערט איז געווען צרות[24]. אָבער נאָכן לערנען איז ער געזעסן אין אַ זייט און געטראַכט וועגן די אותיות. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט פאַר-וואָס רופט זיי דער באַהעלפער מיט מאָדנע נעמען, ווען יעדער איינער קען זען וואָס זיי זיינען באמת.

22 Stork 23 Mud 24 Trouble

מילך פון דער וואַנט

דער טאַטע פאַרדינט[1] ווייניק. אין שטוב איז די נויט[2] גרויס. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט דער קליינער חיים נחמן געזען ווי די מאַמע וויקלט[3] איין, אין אַ ווייס ליילעך, די לייכטער[4], אין וועלכע זי פלעג בענטשן ליכט, און טראָגט זיי ערגעץ אַוועק. די מאַמע האָט געוויינט. נאָר אין יענער וואָך איז געווען מער ברויט און הערינג אין שטוב. — אָבער דער שבת איז געווען זייער אַ טרויעריקער[5].

חיים נחמן פלעג תמיד וואַרטן אויף די שבתים. ער האָט ליב געהאַט צו קומען אַהיים פון שול פרייטיק צונאַכט. דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך. אויף איין זייט טיש זיינען געשטאַנען פיר לייכטער, אין יעדן לייכטער אַ ברענענדיק ליכט. פון די ליכט זיינען געוואָרן לאַנגע שאָטנס אויף די וואַנט. פון יעדן קאָפּ זיינען געוואָרן פיר קעפּ,

1 Earns 2 Hardship, poverty 3 Wraps 4 Candlestick
5 Sad

פון יעדער האַנט פיר הענט. אויף דער אַנדערער זייט טיש זיינען געווען צוויי פרישע חלות צוגעדעקט מיט אַ ווייסער סערוועטקע 6.

היינטיקער שבת איז אַ טרויעריקער. די פיר ליכט זיי־נען צוגעקלעפּט צו אַ ציגל 7. חיים נחמן קען ניטליידן די רויטקייט פון ציגל, עס זעט אויס וואָכעדיק 8. אויף דעם טיש ליגט אַ שוואַרץ ברויט־עס דערמאָנט אים דעם ריח פון טאַ־באַק און פון בראָנפן, וואָס ער האָט געפילט אין די וואָכע־דיקע טעג אין דאָרף.

דער טאַטע מאַכט קידוש. עס איז דער זעלבער, דוכט זיך, קידוש ווי אַלעמאָל. נאָר דער טאַטע זינגט אים איצט אַזוי טרויעריק. נאָכן קידוש שניידט דער טאַטע דאָס שוואַר־צע ברויט און גיט יעדן קינד אַ "המוציא". די קינדער קייען 9 דאָס שוואַרצע ברויט. אין די פריערדיקע שבתים האָט מען אַלעמאָל געזונגען זמירות, געזאַנגען לכבוד שבת. אויך איצט הייבט דער טאַטע אָן צו זינגען און די קינדער זינגען מיט. באַלד אָבער ווערט דער טאַטע אַנטשוויגן 10, ער וויל איינהאַלטן די טרערן. אין הויז ווערט שטיל. מען הערט ווי די ליכט ברע־נען. די מאַמע דערלאַנגט הערינג צום טיש. מען קייט שוויי־גנדיק, טרויעריק. אין דער שטילקייט הערט מען דאָס גרילצן פון אַ גריל 11. חיים נחמנען דוכט זיך אַז דאָס זינגט אַזוי די נויט. ווען עס איז געווען ווייַן אויף קידוש, ווען מען האָט גע־געסן פלייש און הייסע יויך און אַלע קינדער האָבן מיטן טאַטן צוזאַמען געזונגען זמירות, האָט מען דעמאָלט ניט גע־הערט דאָס גרילצן פון דער גריל. איצט זינגט די גריל הויך איר וואָכעדיקן געזאַנג.

6 Napkin 7 Brick
8 Profane, workaday (in contrast with "shabesdik")
9 Chew 10 Falls silent 11 Cricket

אַ גרויס רחמנות דערוועקט זיך אין האַרצן פון דעם קליי־נעם בחור, אַ רחמנות אויפן טאַטן און דער מאַמען. ער מוז זיי העלפן. שאַ, ער האָט אַ פּלאַן. ער וועט נעמען מעלקן מילך פון דער וואַנט.

מעלקן די וואַנט דאַרף זיין גרינג, אַזוי מיינט ער. אָט האָט ער ערשט די וואָך געהערט ווי אַ ייד האָט געצאַפּט[12] וויין פון דער וואַנט. אַ תלמיד האָט עס אַליין דערציילט אין חדר. זיין טאַטע, האָט ער געזאָגט, האָט עס מיט די אייגענע אויגן געזען. איז אויב אַ ייד האָט עס געקענט טאָן, פאַרוואָס זשע זאָל ער, חיים נחמן, עס ניט קענען טאָן?

זוכט ער אַ שטיקל וואַנט. געפינט ער עס אין קיך. די וואַנט איז דאָרט נאַס און בייכיק[13] — אַוודאי אָנגעפילט מיט אַ סך מילך. וועט ער מאַכן אַ לעכל אין דער וואַנט און פון דאָרט מעלקן מילך. די מילך וועט ער פאַרקויפן און פון דעם געלט קויפן חלה און פלייש און נייע לייכטער.

גייט דער קליינער חיים נחמן און זוכט אַרום אין הויף און נעמט צונויף: אַ צעבראָכענע פלאַש, אַן אַלטע יאַרמול־קע, אַן עמער[14] אָן אַ הענטל, אַ שטיקל שערבל[15]. ער האָט אויך געפונען אַ פּראָבקע[16]. מען וועט דאַרפן דערמיט פאַר־שטאָפּן[17] די וואַנט, נאָכדעם ווי מען וועט זי אויסמעלקן, די שטוב זאָל ניט פאַרפלייצט[18] ווערן.

צונויפגענומען די אַלע כלים, זעצט זיך חיים נחמן אַוועק ביי דער וואַנט. אַ טשוואָק[19] אין האַנט האָט ער, אין דער אַנ־דערער האַנט אַ שטיין און ער האַקט דעם טשוואָק אין דער וואַנט אַריין. אַביסל אַ צו שווערע אַרבעט פאַר אַ פינף יאָריק קינד. אַרבעט ער שווער. באַלד, באַלד וועט דאָך דער טשוואָק דורכלעכערן די וואַנט און מילך וועט זיך אָנהייבן צו גיסן.

12 Drained
13 Bulging 14 Pail 15 Shard, a fragment of earthenware
16 Plug, stopper 17 Clog up 18 Be flooded 19 Nail

עס איז אים אָבער ניט באַשערט[20] געווען צו פאַרענדיקן די אַרבעט. דער טאַטע איז אַריין אין שטוב אַריין. ער האָט דערזען אַז דאָס קינד זיצט אויפן דיל[21] און האַקט מיט אַ שטיין אין דער וואַנט אַריין, האָט ער אָנגעהויבן שרייען: — געוואַלט, וואָס טוט מען מיט דער צעדרייטן[22] קינד? ער האָט זיך שוין גענומען ברעכן ווענט. אָט אַ גולם!

מען האָט אַרויסגעוואָרפן אַלע זאַכן וואָס דאָס ייִנגל האָט געבראַכט און אים גוט באַשטראָפט. דאָס ייִנגל האָט זייער געוואָלט נאָך אַמאָל פּרובירן[23] מעלקן די וואַנט, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַרן טאַטן.

20 Destined 21 Floor 22 Queer 23 Try

לאָקש[1], לעקשעלע

דער קליינער חיים נחמן לערנט שוין חומש. ער זאָגט די העברעישע ווערטער און פאַרטייטשט זיי אויף ייִדיש. ער האָט שוין ניט די טבע[2] צו זען אותיות ווי מענטשעלעך. ער לייענט שוין גרינג און גיך. אָבער גאַנץ אָפט זעט ער נאָך אַלץ אַרויס אין יעדער וואָרט אַ מאָדנע פּנים. לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן מעביר זיין די סדרה[3]. עס געפעלט אים דער עסק[4] פון מעביר זיין די סדרה. מען לייענט ניט די ווערטער ווי אַלעמאָל, נאָר מען זינגט זיי אויס. אויף יעדן וואָרט איז דאָ אַ טראָפּ[5], אַ מוזיקאַלישע נאָטע. אָט איז דאַנערשטיק, היינט דאַרף יעדער ייִנגל גוט קענען פאַרטייטשן די סדרה, דעם טייל אין חומש פון דער וואָך. חיים נחמן האָט אַ גוט קעפּל און ער קען גוט פאַרטייטשן.

זיצט דאָס ייִנגל אויף אַ באַנק לעבן טיש און דער רבי זיצט

1 Noodle 2 Habit
3 Go over, read the weekly lesson of the Torah
4 The business, matter
5 Musical accents (used in cantillating the Torah)

אויבנאָן 6. חיים נחמן זאָגט דעם חומש און דער רבי עסט דערווייל לאָקשן מיט מילך (דער רבי האָט זייער ליב געהאַט לאָקשן מיט מילך) זופּט 7 דער רבי די לאָקשן און חיים נחמן האַלט אין פאַרטייטשן. מיטאַמאָל-אָפּגעשטעלט זיך. עפּעס זייער אַ לאַנג וואָרט, ויתמהמה: וואַיס-מאַ-האַ-מאַ, דאָס וואָרט קוקט אויס ווי אַ גאַנצער קאַסטן 8. דער שלשלת 9 אויפן וואָרט זעט אויס ווי אַ פּאַפּירענע שלאַנג, וואָס די קינדער שפּילן זיך דערמיט אין גאַס.

דער רבי איז אויך געבליבן וואַרטן מיטן לעפל אין האַנט:
—נו, נו, זאָג שוין, זאָג.

דאָס ייִנגל רירט זיך ניט פון אָרט. ניט נאָר האָט ער פאַר־געסן די טייטש פון וואָרט, ער ווייסט אַפילו ניט ווי עס אַי־בערצולייענען, אַז עס איז אַזוי גרויס ווי אַ קאַסטן!

דער רבי נוקעט 10 ווידער: נו, נו.

הייבט חיים נחמן אויף די אויגן צום רבין, אפשר וועט דער רבי אַליין אים אַרויסהעלפן מיט אַ וואונק 11. דערזעט ער אויפן רבינס באָרד הענגט אַ לאָקש, אַ לאַנגער לאָקש, אַ פאַרדרייטער 12. דערפרייט ער זיך. ער ווייסט שוין וואָס דאָס לאַנגע וואָרט איז, דאָס איז אַ לאָקש. שרייט ער אויס הויך: — און ער האָט אַ לאָקש.

דער רבי האָט אַוועקגעוואָרפן דעם לעפל, געכאַפּט דעם קאַנטשיק 13 און גענומען שלאָגן חיים נחמנען: — נאַ דיר אַ לאָקש, גולם, נאַ דיר אַ לאָקש!

די רביצין האָט קוים אַרויסגעראַטעוועט 14 דאָס ייִנגל אַ לעבעדיקן.

6 At the head of the table 7 Sips 8 Box
9 One of the cantillation signs 10 Says: noo, noo
11 Hint, wink 12 Curled up 13 Whip, strap 14 Rescued

די גריל גרילצט העכער

דער רבי האָט צו שטאַרק געשלאָגן חיים נחמנען, איז ער צוויי וואָכן געלעגן קראַנק אין בעט. ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט מען אים אַוועקגעגעבן צו אַן אַנדער מלמד1 אין אַן אַנדער חדר. דאָס ייִנגל האָט זיך געפרייט. זיין פרייד איז אָבער גיך פאַרשטערט2 געוואָרן. זיין פאָטער איז פלוצעם געשטאָרבן.

נאָכן פאָטערס טויט איז די נויט אין הויז געוואָרן נאָך גרעסער. די גריל האָט שוין געגרילצט אויך אין דער מיטן פון וואָך. דאָס ייִנגל איז ווי מיט אַמאָל עלטער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַ סך זאַכן. ער האָט שוין געוואוסט אַז די ווענט זיינען נאַס ניט ווייל זיי זיינען פול מיט מילך, נאָר ווייל פון דאַך רינט3 אַריין, און די ווענט זיינען אַלט.

דער קליינער נחמן זעט און באַמערקט4 איצט אַלץ. די מאַמע שטייט-אויף פאַרטאָג, זי אַרבעט שווער, זי דאַרף עפּעס

1 Teacher 2 Was spoiled 3 Leaks 4 Notices

צוגרייטן די קינדער צו עסן. זי רעדט און וויינט, אין זיך, אירע ליפּן שעפּטשען[5] אַ תּפילה צו גאָט: — האָב רחמנות אויף מיינע קינדער! שפּייז[6] זיי ווי דו שפּייזט די ווערעם[7] אונטער אַ שטיין!

זי האָט געדאַרפט אויפשטיין פרי, די מאַמע, זי האָט געדאַרפט לויפן מיט אַ קויש[8] מיט סחורה איבער די רייכע הייזער צו פאַרקויפן עפּעס און פאַרדינען עסן פאַר די קליינע קינדער. ביינאַכט איז זי געקומען אַהיים אַ מידע[9]. זי האָט אַפילו ניט געקענט זיך צוזעצן. זי האָט געהאַט נאָך אַ סך אַרבעט צו טאָן. מען האָט געדאַרפט פאַרריכטן[10] העמדלעך, פאַרצירעווען[11] זאָקן. יעדע ווילע[12] פלעג זי איינשלאָפן פון מידקייט; באַלד זיך אויפגעכאַפּט און ווייטער געאַרבעט. דאָס לעמפּל האָט געציטערט און ווי עס וואָלט גערעדט מיט רחמנות: — אָרעמע מאַמע, אָרעמע יתומימלעך[13].

איינמאָל אַ וואָך האָט די מאַמע געבאַקן ברויט. זי איז אויפגעשטאַנען אין מיטן דער נאַכט. ער חיים נחמן איז אויך

5 Whisper 6 To feed 7 Worms 8 Basket 9 Tired
10 Mend 11 Darn 12 Frequently 13 Tiny orphans

געווען וואַך[14]. ער האָט געזען ווי די מאַמע קנעט[15] דאָס טייג[16], קנעט און בעט גאָט: — האַר פון דער וועלט, שטאַרק מיך, שטאַרק מיך. צוליב מיינע קינדערלעך. וואָס בין איך? אַן אָרעמע יידענע-און דאַרף שפּייזן זיבן יתומימלעך. — און טרערן זיינען איר גערונען פון די אויגן און אַריינגעפאַלן אין טייג אַריין.

ווען חיים נחמן האָט אין דער פרי געגעסן דאָס פרישע ברויט, האָט זיך אים געדוכט, אַז מיט יעדן ביס[17] שלינגט[18] ער אַראָפּ דער מאַמעס אַ טרער.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט ער עס וואונדערלעך שיין באַשריבן אין זיין ליד „שירתי" (מיין פּאָעזיע).

14 Awake 15 Kneads 16 Dough 17 Bite 18 Swallows

דער זיידע

דער זיידע יעקב משה האָט אַריינגענומען חיים נחמנען צו זיך, די מאַמע זאָל האָבן איינעם ווייניקער[1] צו שפּייזן. חיים נחמן האָט איצט געהאַט מער עסן, אַ בעסער געלע-

1 Less

גער 2 צום שלאָפן, אָבער ער איז ניט געווען גליקלעך 3. ער האָט געבענקט 4 נאָך דער מאַמען, נאָך די ברידער און די שוועסטער.

דער זיידע איז, צו דעם אַלעמען, נאָך געווען אַ שטרענגער 5. נאָכן טאַטנס טויט איז חיים נחמן געווען ווי אַ פרייער פויגל, זיך געקענט שפּילן ווען ער האָט געוואָלט, געקענט פאַרברענגען 6 אין וואַלד און אין פעלד — אָבער איצט האָט דער זיידע געוואָלט אַז דאָס יינגל זאָל זיין גוט און פרום 7; האָט ער אויף אים זייער אַכטונג 8 געגעבן און אָפּגעהיט דאָס יינגל, ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין נאַרישקייטן.

עס איז אָבער געווען שווער איינצוהיטן חיים נחמנען. ער פלעג אַרויס פון דער שטאָט, וואַנדערן 9 אין פעלד און אין וואַלד, נאָכקוקן די פייגל, וואָלקנס 10. ער פלעג אַהיים קומען שפּעט אין דער נאַכט, זיך געוואָלט שטיל אַריינגנבענען 11

2 Place to sleep 3 Happy 4 Was lonesome for
5 Strict 6 Pass the time 7 Pious 8 Watch over
9 Roam, wander 10 Clouds 11 Sneak in

קיינער זאָל אים ניט זען, אָבער עס איז אים קיינמאָל ניט געלונגען 12. דער זיידע האָט אויף אים תמיד געוואַרט.

חיים נחמן איז שוין געווען אַ גרויס יינגל, אַ יאָר צען — עלף אַלט. האָט אים דער זיידע ניט געשלאָגן, נאָר ער האָט אים געמוסרט 13, חוזק 14 געמאַכט פון אים. דאָס איז פאַר חיים נחמנען נאָך געווען ערגער פון קלעפּ.

דאָס יינגל האָט זייער פיינט 15 געהאַט דעם זיידנס שטראָף 16 רייד. האָט ער זיי געוואָלט פאַרמיידן 17. אייניקע טעג איז ער דערפאַר געווען גוט, געפאָלגט 18, געזעסן אין דער היים, באַלד איז ער אָבער ווידער אַוועק, זיך פאַרבענקט נאָכן וואַלד און פעלד און דאָרט פאַרבראַכט 19 דעם גאַנצן נאָכמיטאָג.

נאָר ביסלעכווייז 20 האָט זיך חיים נחמן געביטן 21 — און דער זיידע האָט אים שטאַרק ליב באַקומען. דאָס יינגל האָט זיך מיט אַ מאָל גענומען פלייסיק צום לערנען. ספרים און ביכער האָבן פאַרכאַפּט 22 דעם יינגלס פאַנטאַזיע. ער האָט אויך גיך איבערגעיאָגט 23 אַלע חברים אין לערנען.

אין יענער צייט האָט לערנען געמיינט איין זאַך: לערנען גמרא. לערנען אָט די הייליקע ספרים, וואו עס ווערן אויסגעטייטשט די דינים 24, געזעצן, אויסגעטייטשט דער חומש, און אַלץ וואָס אַ פרומער ייד דאַרף וויסן ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט. ניט נאָר קענען די גמרא איז געווען אַ גרויסע זאַך, נאָר דאָס לערנען אַליין איז געווען אַן אויפטו 25, אַ מצוה. יינגלעך פלעגן אָנהייבן גמרא לערנען גאָר יונג. ווען זיי זיינען אַלט געוואָרן אַכט יאָר און עס פלעג נעמען פון פיר ביז

12 Succeed
13 Scolded 14 Ridiculed 15 Hated 16 Reproof
17 Avoid 18 Was obedient 19 Passed the time
20 Gradually 21 Changed 22 Captured his imagination
23 Overtook 24 Interpreted laws 25 Accomplishment

זעקס יאָר איידער אַ יינגל האָט שוין געקענט אַליין לערנען אַ בלאַט [26] גמרא. דאַן האָט ער אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך — דאָס מיינט, לערנען אָן דער הילף פון אַ רבין.

חיים נחמן האָט אָנגעהויבן לערנען פאַר זיך ווען ער איז געוואָרן עלף יאָר אַלט. ער האָט געלערנט אין אַ קליין בית-מדרשל, וואָס איז געווען אין עק [27] שטאָט. ווייניק מענטשן זיינען אַהין געקומען דאַווענען. זעלטן ווען איז עמיצער געקומען אַהין לערנען. האָט דער קליינער חיים נחמן געהאַט דעם בית-מדרש פאַר זיך אַליין. ער האָט דאָרט געלערנט טאָג ווי נאַכט. אויפשטיין איז ער אויפגעשטאַנען ווען עס איז נאָך געווען פינצטער און געלערנט ביז שפּעט אין דער נאַכט. באַלד האָבן אַלע אים גערופן: מתמיד, דאָס מיינט, אַ זייער פלייסיקער [28] לערנער.

שפּעט ביינאַכט, ווען עמיצער פלעג פאַרבייפאָרן דעם בית-מדרש, האָט ער געהערט דאָס קול פון חיים נחמנען. ס׳איז שטיל אַרום. נאָר אַ פּאָר שטערן גלאַנצן אין הימל. די

26 Two pages, a "leaf" of the Talmud 27 At the end of town
28 Diligent

גראָזן שעפּטשען אין פּעלד. די פענצטער אין אַלע היימען זיינען פינצטער, בלינד, נאָר אין איין פענצטער אין בית-מדרש איז ליכטיק. דאָרט זיצט, מיט אַ ליכט אין האַנט, דער מתמיד חיים נחמן ביאַליק און ער לערנט.

יאָרן שפּעטער, ווען דאָס יינגל איז געוואָרן דער גרויסער דיכטער ביאַליק, האָט ער דאָס אַלץ באַשריבן אין זיין באַרימטער 29 פּאָעמע: "המתמיד".

29 Famous

ישיבה

נאָך יאָרן פון לערנען אין בית-מדרש איז ביאַליקס ווילן צו לערנען גמרא אַביסל קלענער געוואָרן. ער האָט איצט געוואָלט קענען, אַחוץ 1 גמרא, אויך וויסנשאַפטן 2. ער האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט משכילים 3. די משכילים זיינען ניט געווען פרום און זיי האָבן געוואָלט לערנען אַלגעמיינע 4 לימודים. זיי האָבן געוואָלט האָבן מער בילדונג 5. ביי די משכילים האָט חיים נחמן באַקומען לשון-קודשדיקע 6 ביכלעך, וואָס האָבן אים קלאָר געמאַכט אַ סך נייע זאַכן. ער האָט אויך דורך זיי דערוואוסט זיך, אַז אין דער שטאָט וואָלאָזשין איז דאָ אַ ישיבה, וואו מען לערנט אַחוץ גמרא אויך אַנדערע לימודים. חיים נחמן ביאַליק איז אַוועק לערנען אין אָט דער ישיבה. דאָרט זיינען געווען אַ סך געלערנטע יונגעלייט, גרויסע קענער פון תלמוד (גמרא), זיי האָבן אָבער אויך געלערנט אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. ביאַליק האָט ליב געהאַט זיך צו חברן מיט זיי, און זיי האָבן אַ סך דיסקוטירט צווישן זיך.

אין יענער צייט האָט מען אויך אָנגעהויבן הערן וועגן אַ גרופּע חובבי ציון, יידן וואָס זיינען ליבהאָבער פון ציון,

1 Besides 2 Science 3 Modern, enlightened people
4 General studies 5 Education
6 In the sacred tongue, in traditional Hebrew

ליבהאָבער פון ארץ ישראל. כמעט 7 אַלע ישיבה בחורים פון וואָלאָזשין זיינען געוואָרן חובבי ציון. זיי האָבן געגלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף צוריק קריגן 8 ארץ ישראל און זיך דאָרט באַזעצן 9. די ישיבה בחורים האָבן געמיינט, אַז מען דאַרף אויך ווידער אויפלעבן די אַלטע העברעישע שפּראַך, די שפּראַך וואָס די נביאים האָבן גערעדט. חיים נחמן ביאַליק איז אויך געוואָרן אַ ציוניסט און העברעיסט.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. ער האָט געשריבן לידער. די חברים איז זייער געפעלן געוואָרן זיין שרייבן.

7 Almost 8 Get 9 Settle

דאָס ערשטע געדרוקטע ליד

עס איז געווען פרילינג 1. דער יונגער חיים נחמן איז געזעסן לעבן פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין. אַלץ האָט דאָרט אויפגעלעבט 2. די פייגעלעך, וואָס זיינען ווינטער אַוועקגעפלויגן אין די וואַרעמע לענדער, האָבן זיך

1 Spring 2 Revived

א׳צט אומגעקערט[3] און אָנגעפילט די לופט מיט זייער געזאַנג. חיים נחמנס האַרץ איז פול געוואָרן מיט בענקשאַפט צו די ווייטע לענדער. ער האָט זיך דערמאָנט אַז ארץ ישראל איז אויך איינע פון די לענדער, וואו עס איז כמעט שטענדיק[4] זומער. האָט ער אין זיין ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, געפרעגט אַ פייגעלע, צי עס האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון ארץ ישראל. ער האָט זיך ביי איר אויך נאָכגעפרעגט אויף די היסטאָרישע הייליקע פּלעצער[5], אויפן ירדן, דעם טאָל שרון און אויף די נייע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן דאָרט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף די פעלדער. ער האָט זיך אויך געוואונטשן צו האָבן פליגל ווי די פייגעלעך און קענען פליען אַהין וואו דער טייטלבוים[6] וואַקסט און דער מאַנדלבוים[7] בליט[8]. ער האָט אַט די אַלע וואונטשן אויסגעדריקט אין זיין ליד: "אל הצפור", צו דעם פייגעלע.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז חיים נחמן ביאַליק אַפּגעפאָרן קיין אָדעס. אין דער שטאָט האָט ער געטראָפן[9] אַ סך העברעישע שרייבער. ער האָט געטראָפן דעם רעדאַקטאָר[10] ראַווניצקי. ראַווניצקי האָט זיין ליד "אל הצפור" אָפּגעדרוקט[11] אין אַ זשורנאַל "הפרדס". דאָס איז געווען פון די ערשטע געדרוקטע לידער ביאַליקס. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. דאָס ליד איז זייער באַרימט[12] געוואָרן.

חיים נחמן ביאַליק איז שוין מער ניט קיין יונג יינגל. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער. ער האָט אַ סך וועגן וואָס צו שרייבן. ער וויל ענדערן[13] דאָס יידישע לעבן. ער וויל וועקן[14] ביי די יונגע מענטשן דעם ווילן צו אַ שענער לעבן אין דעם אייגענעם לאַנד, אין לאַנד ישראל.

3 Returned 4 Always 5 Sites
6 Date tree, date palm 7 Almond tree 8 Blooms
9 Met 10 Editor 11 Published 12 Became famous
13 Change 14 Awaken

אָבער דערווייל ליידט[15] ער אַ סך. זיין ווייבע איז געש־טאָרבן און ער קערט זיך אום צו זיין פֿאַמיליע און זיין שטאָט זשיטאָמיר און ווערט דאָרט אַ לערער. שפּעטער רופֿט מען אים צוריק קיין אָדעס. די העברעיִשע שרייבער אין אָדעס ווילן אים העלפֿן, ער זאָל קענען טאָן זיין ליטעראַרישע[16] אַר־בעט, ווייל זיי האָבן געזען אַז ער איז אַ גרויסער דיכטער.

ער הייבט אָן ווערן אָנערקענט[17] און אפילו באַרימט[18] מיט זיינע וואונדערלעכע פּאָעמעס. ער שרייבט אַ סך וועגן די ליידן און אונטערדריקונג[19] פון דעם יידישן פֿאָלק — אָבער ער איז ניט צופֿרידן וואָס די יידן לאָזן, אַז מען זאָל זיי אַזוי שלעכט באַהאַנדלען[20]. ער רופֿט די יידישע יוגנט[21] צו קעמפֿן[22] פֿאַר דער פֿרייהייט פון יידישן פֿאָלק. ער דערמאָנט זיי אַז זיי זיינען דער לעצטער דור[23] פון די אונטערדריקטע און דאַרפֿן ווערן דער ערשטער דור פון גאולה[24]. ער דער־ציילט זיי וועגן אַמאָליקע יונגעלייט וואָס האָבן געשטיגן באַרג אַרויף ווען דער שונא[26] האָט זיי געוואָלט פֿאַרניכטן[27] און זייער קאַמף פֿאַרשריבן אין אַ מגילה פון פֿייער. מיט אָט די לידער האָט חיים נחמן ביאַליק געבראַכט אַן אמתע רע־וואָלוציע אין דעם לעבן פון יונגן יידישן דור.

אין יאָר 1924 האָט ביאַליק זיך באַזעצט אין תל אביב, ארץ ישראל. די גאַס וואו ער האָט געלעבט רופֿט מען איצט: רחוב ביאַליק. דאָרט, אויף דער גאַס, האָט ער אָפֿט געטראָפֿן יידישע קינדער פון ישראל און זיי האָבן אים שטאַרק ליב באַ־קומען און, מיט פֿרייד, געזונגען זיינע לידער און געלייענט זיינע שפּילעוודיקע[28] מעשיות און זכרונות[29] פון די חדר־יאָרן.

15 Suffers 16 Literary
17 Recognized 18 Famous 19 Oppression 20 Treat
21 Youth 22 Fight 23 Generation 24 Redemption
25 Rose 26 Foe 27 Destroy 28 Playful
29 Memories, memoirs 30 Undergo surgery

אין יאָר 1934 איז ביאַליק קראַנק געוואָרן און איז אַוועק-געפאָרן קיין ווין זיך צו אָפּערירן [30] און איז דאָרט, נאָך אַ קורצער קראַנקהייט, געשטאָרבן.

זיין קערפּער [31] האָט מען צוריק געבראַכט קיין ארץ יש-ראל. ער ליגט אויפן בית-עולם פון תל-אביב, לעבן קבר פון זיין לערער אחד העם. די גאַנצע יידישע וועלט האָט נאָך אים לאַנג געטרויערט [32].

דורות וועלן חיים נחמן ביאַליקן געדענקען. זיינע לידער זיינען נאַציאָנאַלע לידער, די לידער פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

31 Body 32 Mourned

מיין מאַמע, זכרונה לברכה...

מיין מאַמע זכרונה לברכה, געווען איז אַ גרויסע צדקת1,
אַ וויסטע אַלמנה2 געזעסן.
איין פרייטיק פּאַרנאַכט — עס גליט3 די שקיעה4 אין שפּיצן
פון ביימער —
און אין שטוב — נישט קיין ליכט, נישט קיין עסן.
זי זוכט — און מיט נסים5 פון הימל — געפונען צוויי פּרוטות6 —
„ברויט אָדער ליכט?" — מיט דער דעה געשלאָגן7.
זי לויפט, קומט צוריק — אין איר מאָגערער8 האַנט אַ מתנה;
צוויי ליכט אויף צום בענטשן געטראָגן.
דער הימל פאַרמאָגט9 זיבן שטערן, דער שבת דער מאַמעס
האָט אויך זיבן ליכט, זיבן שטראָמען10;
ווער גאָט דען פאַרשטערן11 זיין שבת? — און וואָס קען זי העלפן?

1 Pious   2 Widow   3 Glows   4 Sunset   5 Miracles
6 Coins, pennies   7 Hesitated, deliberated
8 Lean, skinny   9 Possesses   10 Streams   11 Profane

געלויבט 12 פאַר די צוויי איז זיין נאָמען.
וועט בענטשן די ליכט אויף אַ ליידיקן 13 טישטעך, אָן חלה —
פאַרפּוצט זיך אין הויב 14 אין דער ברייטער;
געביטן 15 איר קלייד און זיך מכין 16 געוועזן פאַר גאָט,
פאַרן הייליקן שבת אַ גרייטע 17.
געצונדן די ליכט — האָט זי מער ניט געקענט זיך באַהערשן 18,
ווייל דאָס האַרץ האָט מיט בלוט זיך באַגאָסן;
אַרויס מיט אַ געוויין, און אַ טרער איז אַרונטערגעפאַלן 19 —
איין ליכט איז געוואָרן פאַרלאָשן 20.
פאַרשעמט איז דער שבת, אויף איין אויג אַ בלינדער 21, געש-
טאַנען —
די פרוי איז פאַרציטערט 22 געבליבן:
פאַרשעמט אַן אַלמנהס אַ גאָב 23? אויב דיין דינסט האָט
געזינדיקט 24,
צו וואָס נאָך דעם שבת באַטריבן 25?
וואָס האָסטו זיין אויג אויסגעשטאָכן 26? — מיט אויגן פאַרמאַכטע,
פאַרדעקט מיט די הענט און פאַרביטערט 27,
אין פאַרקלעמטן 28 געוויין, און אין פלאַמיקער תפילה
האָבן פלייצעס 29 און הויב אומגעציטערט.
אין האַרץ האָבן תהומען 30 געברויזט 31, די אמהות 32 און
כרובים 33
זיי האָבן פון האַלדז זיך געריסן —
עס האָט די שכינה 34 נאָך קיינמאָל געהערט און געזען

12 Praised be (His Name) 13 Bare 14 Bonnet
15 Changed (her dress), put on another dress
16 Prepared herself 17 Ready 18 Control herself
19 Fell down 20 Extinguished 21 Blind
22 Struck with fear 23 A gift 24 Sinned 25 Sadden
26 Gouged out (an eye) 27 Bitter, embittered
28 Grieving lament 29 Shoulders, back 30 Abysses
31 Were turbulent
32 The biblical Matriarchs, Sarah, Rebeccah, Rachel, Leah
33 Cherubs, angels 34 The Divine Presence

ווי אַ מענטש טוט אַזוי זיך צעגיסן.
און דאַן איז נאָך איינע אַ טרער פון צדקת געפאַלן —
אַ זודיקער 35 פלאַם פון די גרונטן 36 —
און טאָפּלט איז ליכטיק געוואָרן: דאָס פאַרלאָשענע ליכטל
האָט נאָכאַמאָל זיך אָנגעצונדן 37.
און ווען עס האָט די מאַמע געעפנט די אויגן, האָט ליכט פון בראשית
פון זיי זיך געגאָסן אין שטראָמען —
ווייל עס האָט זיי די שכינה געקושט 38, — דער זכות 39 פון צדקת זאָל ביישטיין 40
אונדז און אַלע יידן. אָמן.

35 Very hot 36 Depths 37 Lit up 38 Kissed
39 Merit, virtue 40 Intercede, stand by

אונטער די גרינינקע ביימעלעך

אונטער די גרינינקע ביימעלעך
שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך 1, פּאהלעך 2 —
יידעלעך פריש פון די אייעלעך.

1 Small kaftans, long coats worn by many observant Jews
2 Ear locks, side curls worn by observant Jews

גופעלעך — שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גלידערלעך 3 — —
כאַפּן זיי אויף גרינגע 4 ווינטעלעך
און סע צעטראָגן זיי פייגעלעך.
נאָר איין זאַך פאַרמאָגן 5 זיי — אייגעלעך 6
די אויגן פאַרמאָגן צוויי פינטעלעך 7,
וואָס גליען און פינקלען און טוקן 8 זיך,
און עפּעס ווי נביאיש און וואונדערלעך,
פאַרטראַכטן זיך טיף און פאַרקוקן זיך
אויף נעכטיקע 9 טעג און אויף פייגעלעך —
אוי, מיר זאָל זיין, יידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כשרע אייגעלעך!

3 Small limbs 4 Light 5 Possess 6 Eyes 7 Dots
8 Flicker, submerge 9 Prophet like dreams, visions



כ׳האָב אַ ברונעם 1

כ׳האָב אַ ברונעם און אַ סאָד 2
און אַן עמער 3 אויף אַ ראָד 4
אַלע שבת, מיין בן-זוגל 5
טרינקט דאָס וואַסער פון מיין קריגל 6.

1 A well 2 Orchard 3 A pail 4 A wheel 5 Mate

שלאָפט די גאַנצע וועלט און שאַ,
שלאָפט אַן עפל, שלאָפט אַ באַר [7]
שלאָפט דער טאַטע, שלאָפט די מאַמע,
איך אין האַרץ נאָר, וואַך [8] איינזאַמע [9]

און דער עמער ווי מיין זעל [10]
טריפט [11] אין ברונעם גאָלד אין קוועל [12]
עס גיסט [13] אין ברונעם גאָלד זיך איבער
און צו מיר קומט אָן מיין ליבער [14]

ער זיצט מיט מירביים ברונעמס ראַנד [15]
קאָפ אויף אַקסל, [16] האַנט אין האַנט.
— הער, וואָס ס׳קומט מיר אויפן זינען [17]:
פאַרוואָס, לויפט דער קרוג צום ברונעם?

און פאַרוואָס, זאָג שטילערהייט [18]
וויינט דער עמער שטומערהייט [19]
שטענדיק [20] טריף-טריף [21] ווען דו זעסט אים
ווי אַ מענטש וואָס עפעס פרעסט [22] אים.

און פון וואַנען, קומט אַ בראָך [23]
דאָ אין האַרצן, מאַכט אַ לאָך, [24]
זאָל זיין אמת, וואָס לייטן זאָגן, [25]
אַז דו האָסט אַ צווייטע ליב געקראָגן.

6 Pitcher 7 Pear 8 Keep watch 9 Lonely 10 Soul
11 Drips 12 Well 13 Pours 14 Loved one
15 Edge 16 Shoulder 17 Mind 18 Quietly 19 Mutely
20 Always 21 Drip-drop 22 Distrubs 23 Pain
24 Hole 25 People gossip 26 Enemies 27 Tongue

און מיין ליבסטער ענטפערט מיר:
— צו מיינע שונאימס[26] צונג און קאָפּ,[27]
זאָל גאָט געבן, נאַריש[28] טייבל[29]
ביסטו אין אַ יאָר מיין ווייבל.[30]

זיין וועט דאַן אַ זומער טאָג
בלוי[31] דער הימל, זון אָן אַ ברעג[32]
הענט מיט ליכט פון אַלע טירן
וועלן אונדז צו דער חופה[33] פירן.

און אַן עולם[34] וועט דאָרטן זיין
עס וועט קיין שפילקע[35] נישט אַריין
בענטשן[36] וועלן אונדז, פון אַלע צוימען[37]
צווייגן[38] פול מיט עפל, פלוימען[39]

און די חופה, הער זיך איין,
וועט אויך דאָ ביים ברונעם זיין.
דו — אַ מיידל, איך — אַ יינגל
דו — אַ פינגער, איך — אַ רינגל.

הרי-אַת! אויף אייביק מיין
און אַ בראָך[40] דעם כוס פון ווייַן
און אַ פריילעכס[41] אויף די טאַצן[42]
אַז די שונאים זאָלן פלאַצן.[43]

28 Foolish 29 Dove 30 Wife 31 Blue 32 Measure
33 Canopy, marriage ceremony 34 Crowd 35 Pin
34 Crowd 35 Pin
36 Bless 37 Fences (sides) 38 Branches 39 Plums
40 Crack, break 41 A merry dance melody
42 Cymbals 43 Burst from envy